# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:39
מוצאי שב"ק....................9:11

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................משלי כ"ה-כ"ו
בבלי.......................יבמות ס"א
ירושלמי.........בבא בתרא כ"ה
תוספתא.........כלים מציעא ט'
רמב"ם...שאר אבות הטומאה י"ח

פרשת קדושים, ו' אייר, אבות פרק ב', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 36 (551)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ, לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ אֲנִי ה'. וָואס אִיז דִי הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן אִין אֵיין פָּסוּק?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ט) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אוּן עֶר ווִיל אַז מְ'זָאל אִים אוֹיסְהֶערְן, זַיינֶע רֵייד זָאלְן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען, דַארְף עֶר זֶען סְ'זָאל זַיין גוּטְס אִין דִי וֶוערְטֶער, עֶר זָאל רֶעדְן גוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶועט מֶען אִים אוֹיסְהֶערְן אוּן אָנְנֶעמֶען זַיינֶע רֵייד.

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען קְרִיטִיקִירְט אִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן וִוי מְ'רַייסְט אִים אַרָאפּ אַז עֶר טוֹיג נִישְׁט אוּן עֶר קֶען נִישְׁט, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נָאר לִיבּ צוּ הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג, אַז סְ'אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, הָאט עֶר נָאךְ יֶעצְט אַ שַׁאנְס צוּ זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, אַז עֶר קֶען נָאךְ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אוּן זֵיי דַארְפְן נִישְׁט הָאבְּן אֵיינֶעם וָואס זָאל צוּגִיסְן נָאךְ זַאלְץ צוּ זַיינֶע וואוּנְדְן, אִים זָאגְן מוּסָר אוּן אִים נָאךְ מֶער צֶעבְּרֶעכְן. דָאס רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי אוּן דָאס וֶועט זֵיי נִישְׁט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז מְחַזֵּק צוּ זַיין יֶענֶעם, "קֶענְסְט נָאךְ יָא מַצְלִיחַ זַיין, הָאסְט אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן אִין דִיר", דָאס הָאט אַ מֶענְטְשׁ לִיבּ צוּ הֶערְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַז עֶר זָאל וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע חָלוֹם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן צ"א) וִוי אַזוֹי סְ'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ נְשָׁמָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט אוּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְהַאלְטְן, "הֲיִתָּכֵן אִיר פִירְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי אוּן אַזוֹי?", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט "אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען מִיר טְרֵייסְטְן אוּן מְחַזֵּק זַיין, אָבֶּער אַז אִיר קוּמְט מִיר צֶעבְּרֶעכְן, גֵייט אַייךְ פוּן דַאנֶעט!" [זֶע אִינֶעוֵוייניג דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת].

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַז דִי וֶוערְטֶער זָאלְן זַיין נָאר גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען? זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם) אַז דָאס אִיז וֶוען מְ'לֵייגְט אַרַיין דֶערִין "דַעַת", מְ'רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ'בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס וַוארְט אוֹיף יֶעדְן אִיד, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט נָאר אוֹיס, אוּן אוֹיךְ רֶעדְט מֶען פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים, וָואס הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן אִיד, זֵיי וַוייזְן פַאר יֶעדְן אַז סְ'אִיז נָאךְ דָא אַ הָאפֶענוּנְג צוּ סוּקְסֶעס, אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד טוּט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק **לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ** זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן קַיין רְכִילוּת, דָאס אִיז דָאךְ דִי פַארְקֶערְטֶע פוּן רֶעדְן גוּטְס, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט נָאר שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן, עֶר זוּכְט נָאר צוּ טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען שְׁלֶעכְטְס פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן. נָאר פַארְקֶערְט, זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן אַלְץ צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע אוּן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט זַיין **לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ**, אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיִּקְרָא ד:) וֶוערְט דֶער מֹחַ אָנְגֶערוּפְן "תְּרֵין רֵעִין דְּלָא מִתְפָּרְשִׁין", דוּ וֶועסְט מַאכְן אַז דֶער מֹחַ זָאל נִישְׁט צֶעדְרוּקְט וֶוערְן פוּן צוּפִיל בְּלוּט, וָואס דָאס פַּאסִירְט וֶוען מְ'זוּכְט נָאר שְׁלֶעכְטְס.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ קוּקְן נָאר גוּט אוֹיף יֶעדְן אִיד, רֶעדְן נָאר שֵׁיין אוּן גוּט צוּ יֶעדְן אִיד, מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר זֵיי שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין, אוּן יֶעדֶער וֶועט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשס"ד)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן

אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ בַּאנִיצְט מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂיּוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל אִיז זֵייעֶר שַׁארְף אַז מֶען זָאל נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם, וַוייל מִיר זֶענֶען אַלֶע טְמֵאֵי מֵתִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי אֵפֶר פָּרָה אֲדוּמָה, מִמֵּילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאנִיצְן מִיט דֶעם, וַוייל מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה (עַיֵּין בְּסֵפֶר שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה לְרַבִּי חַיִּים וִיטַאל זַצַ"ל, חֵלֶק ג' שַׁעַר ו'). לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ יָא בַּאנִיצְט מִיט דֶעם, וֶוען חֲסִידִים הָאבְּן דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זֵייעֶר רֶבִּי, הָאט יֶענֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים מַאכְן אַ 'מַשְׁכַּנְתָּא', מֶען זָאל אִים אַרוּם נֶעמֶען מִיט אַ קְלֵייד אוּן אִים שְׁלָאגְן וְכוּ', דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעפָאלְגְט זֵייעֶר רֶבִּי אוּן דֶער אִיד אִיז מַמָּשׁ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַצְבוּת, מֵאִיגְרָא רָמָא לְבֵירָא עֲמִיקְתָּא, אוּן עֶר אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ, דִי מִשְׁפָּחָה הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי זֶענֶען אַרוּם גֶעלָאפְן צוּ אַלֶע רַבָּנִים, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם אִיד פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ קוּנְץ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת.

זֶעט מֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, דָאס קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

<<<<<<

## א גוט ווארט

"אַל יְקַנֵּא לִבְּךָ בַּחַטָּאִים", דַיין הַארְץ זָאל נִישְׁט גְלוּסְטְן צוּ זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, "כִּי אִם בְּיִרְאַת ה' כָּל הַיּוֹם" (מִשְׁלֵי כג, יז), נָאר צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין זֵיי זָאלְסְטוּ גְלוּסְטְן אַ גַאנְצְן טָאג.

אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "נִישְׁטָא וֶועם צוּ מְקַנֵּא זַיין, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִים אִיז גוּט מְקַנֵּא צוּ זַיין"; אֲפִילוּ דִי רַייכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן פַּאלַאצְן, גֶעלְט, שֵׁיינֶע כֵּלִים, דַיימַאנְטְן אוּן וָואס נִישְׁט - זֶענֶען פוּל מִיט וֵויטָאג; עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַז זֵיי הָאבְּן גְלִיק, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי פוּל מִיט צַעַר אוּן וֵויטָאג.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר: "אַל יְקַנֵּא לִבְּךָ בַּחַטָּאִים", גְלוּסְט נִישְׁט צוּ דִי אַלֶע זַאכְן; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אוּן מֶען קֶען עֶס נִישְׁט הָאבְּן", עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוּן מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן פוּן עוֹלָם הַזֶּה, "כִּי אִם בְּיִרְאַת ה' כָּל הַיּוֹם", גְלוּסְט צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן, "תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז יָא אוּן מֶען קֶען זֵיי הָאבְּן"; וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי-ב' תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים אִין בְּרֶסְלֶב אִין דִי סְפִירָה טֶעג?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיז דָא עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶלֶע מִנְהָגִים אִין בְּרֶסְלֶב אִין דִי סְפִירָה טֶעג? עֶפֶּעס וָואס מְ'טוּט יָא אָדֶער מְ'טוּט נִישְׁט אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', כ"ג נִיסָן,**
**אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ - אַזוֹי פִירְן זִיךְ בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים.

בְּנוֹסָף לָזֶה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה צוּ זָאגְן צְוֵויי מָאל אַ טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִים, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִים (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", תְּהִילִים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה אוּן צוּ טְרֶעפְן דִי שַׁעַר, דִי טִיר וואוּ אָנְצוּקוּמֶען, וַוייל עֶס אִיז דָא פוּפְצִיג טוֹיעֶרְן פַאר תְּשׁוּבָה; דָאס קֶען מֶען יֶעצְט זוֹכֶה זַיין אִין דִי סְפִירָה טֶעג.

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אִין דִי סְפִירָה טֶעג זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, מִיר זָאלְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן. נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט מַחֲלוֹקוֹת, וַוייל דִי תַּלְמִידֵי רַבִּי עֲקִיבָא זֶענֶען נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אִין דִי סְפִירָה טֶעג נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט נוֹהֵג כָּבוֹד גֶעוֶוען זֶה לָזֶה (יְבָמוֹת סב:); אִיז יֶעצְט אַ צַייט דָאס צוּ מְתַקֵן זַיין, זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי-ב' תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מַאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער - זִיס? "מַאן מִנְּכוֹן דִמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר?" וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶער לֶעבְּן - אַ זִיס לֶעבְּן, פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט - מַאכְט עֶר לִיכְטִיג; עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִיק.

### מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפִירָה טֶעג. אִין דִי טֶעג טְרוֹיעֶרְן מִיר אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אַז מִיר זָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן טַאקֶע אִין דֶעם הִינְזִיכְט, אַז מִיר זָאלְן יָא מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן, אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי סִיבָּה וָואס מַאכְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיז וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין רֵיינֶע אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף צוּ הָאבְּן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין גֶעבְּן, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים דָאס נִישְׁט צוּכַאפְּן. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח:) "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמֶה שֶׁמּוּכָן לַחֲבֵרוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ אַ צְוֵוייטְן.

וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶּער נִישְׁט דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה, דַאן הוֹיבְּט עֶר אָן וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג פַארְוָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט מֶער פוּן אִים, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ טוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אַנְשְׁטָאט דֶעם אִיז מֶען מְקַנֵא דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן מֶען וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן דַאן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי צַייט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף. וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, דַאן בַּאקוּמְט עֶר אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ נִישְׁט מְקַנֵא זַיין קֵיינֶעם, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן קֶענֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה אַרוֹיפְצוּקוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן זֶען נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, זָאל מֶען אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען טוּט דָאס וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, אָדֶער דִינִים חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"ג) אַז פַאר מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים צוּ דִי גְזֵירָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט גֶעהֶערִיג דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר זִיכֶער זָאגְן אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט אַזַא עוֹנֶשׁ, דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִים: "דוּ וֵוייסְט, יֶענֶער הָאט גֶעטוּן דָאס אִיז דָאס" אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס, וֶוערְט עֶר גֶערֶעגְט אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט גְלַייךְ אוֹיף יֶענֶעם: "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט יֶענֶעם מִיתָה! פַאר אַזַא זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן אַן הַארְבְּן עוֹנֶשׁ!" אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, וַוייל אַמָאל הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטוּן עֶפֶּעס אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ, אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, הָאט עֶר גֶע'פַּסְקְ'נְט אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ג) "וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ". וֶוען מֶען שְׁטְרָאפְט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט מֶען אִים "מִדַּעְתּוֹ", מֶען פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר אַלֵיין הַאלְט אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אִים פַאר אַן עוֹנֶשׁ. אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיךְ "שֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ", עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אִים אַלֵיין, עֶר מֵיינְט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן וִוי אַזוֹי עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, אַזוֹי טוּט מֶען פַאר אִים.

דֶערְפַאר, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ פַּסְקְ'נֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וַוייל מֶען קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן נָאר אוֹיבּ עֶר אִיז אַלֵיין מַסְכִּים דֶערוֹיף. דֶערְפַאר אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן אַז וֶוען מֶען הֶערְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֵיינֶעם, זָאל מֶען יֶענֶעם דָן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען סִיבּוֹת וָואס הָאט יֶענֶעם צוּגֶעבְּרֶענְגְט דָאס צוּ טוּן. אוּן דַאן וֶועט מֶען אִים מֶען אוֹיךְ דָן זַיין לְכַף זְכוּת פוּן הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קכ"ז:) "הַדָּן אֶת הַבְּרִיּוֹת לְכַף זְכוּת, דָּנִין אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת".

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ וֶוען מֶען הֶערְט אַ צָרָה וָואס אִיז גֶעשֶׁען צוּ אַ מֶענְטְשׁ, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן "עֶס קוּמְט זִיךְ יֶענֶעם" א.ד.ג. וַוייל מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט מֶען אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. פַארְקֶערְט, מֶען זָאל זָאגְן אַ תְּפִלָּה, "ה' יִשְׁמְרֵנוּ וְיַצִּלֵנוּ" "רַחֲמָנָא לִיצְלָן" "אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד גֶעדַאכְט" א.ד.ג. מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען, אַז מֶען ווִיל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ, אוּן מֶען רַאטֶעוֶועט זִיךְ פוּן אַסַאךְ עוֹנָשִׁים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) אַז אֵיידֶער עֶס קוּמְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוּן מֶען פְרֶעגְט אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם כֹּחַ אַוֶועקְצוּנֶעמֶען גְזֵירוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיבּ עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג דָן צוּ זַיין מֶענְטְשְׁן לְכַף זְכוּת, אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג רַאטֶעוֶועט עֶר אַלֶע אִידְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת קֶען מֶען הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז זֵיי דָן לְכַף זְכוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָן אַ צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַז יֶענֶער זָאל טַאקֶע וֶוערְן גוּט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, י) "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע" - אוֹיבּ וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי בִּיסְל וָואס יֶענֶער אִיז נִישְׁט קֵיין רָשָׁע. דַאן, "וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ" - וֶוען דוּ וֶועסְט אִים נָאכְדֶעם אָנְקוּקְן אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וַוייל מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אִים דָן גֶעוֶוען לְכַף זְכוּת, אַז עֶר הָאט נָאר גֶעמֵיינְט גוּט, מִיט דֶעם וֶוערְט יֶענֶער טַאקֶע גוּט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג פוּן סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְּן דֶעם אֵייגֶענֶעם לֶעבְּן אָן קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אַ צְוֵוייטְן. נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס פוּן יֶענֶעם אוּן דָן זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת, דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיךְ נָאר קוּקְן אוֹיף זַיין גוּטְס, אוּן עֶס וֶועט אִים קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶעלְן. (שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ דָן אֶת חֲבֵירוֹ)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קלח)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִחְמֶעלְנִיק זי"ע קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן פַאר אַ בַּאזוּךְ, אוּן דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט גָאר אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה.**

דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן, דָאס מָאל הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעזֶען אַז דִי מִינִיסְטָארְן הָאבְּן נִישְׁט אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דִי זְכוּתִים אִינֶעם לִיכְט, זֵיי הָאבְּן נָאר גֶענוּמֶען דִי זְכוּתִים אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דֶערְמִיט צוּ דִי לִיכְט, אוּן מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים פַארְ'ן לִיכְט.

דַאן זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן פוּנְקֶען פוּנֶעם לִיכְט אִין זֵייעֶר מוֹיל, זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן בְּתַחֲנוּנִים, אוּן סְ'אִיז גֶעוָוארְן פוּנֶעם לִיכְט אַ טַייךְ אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר, עֶס אִיז וַוייטֶער גֶעוָוארְן דִי בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן, אוּן מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דִי יֶעצְטִיגֶע וֶועלְן יָא בְּלַייבְּן לֶעבְּן. דִי עֶרְשְׁטֶע זֶענֶען גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן וַוייל זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דִי זְכוּתִים אִינֶעם לִיכְט אוּן נִישְׁט גֶעבֶּעטְן מִיט רַחֲמִים אוּן תַּחֲנוּנִים אַזוֹי וִוי דִי יֶעצְטִיגֶע.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה דַארְף צוּ מֵיינֶען, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט, "גֵיי אַרַיין אִין דֶעם שְׁטוּבּ, אוּן מֶען וֶועט דִיר זָאגְן פְּשַׁט אִין דִי מַעֲשֶׂה". אִיךְ בִּין אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזֶען דָארְט זִיצְן אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר זָאגְן פְּשַׁט, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט דִי בָּארְד אוּן מִיר גֶעזָאגְט, "מַיין בָּארְד אִיז אַ פְּשַׁט אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה", אִיךְ בִּין אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזֶען אַז דִי שְׁטוּבּ אִיז לַאנְג אוּן בְּרֵייט אָן קַיין גְרֶענִיץ, אוּן עֶס אִיז פוּל מִיט כְּתָבִים אוּן שְׁרִיפְטְן, אוּן וואו אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעעֶפֶנְט דִי כְּתָבִים, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה.

דָאס אַלֶעס הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט שׁוֹין נָאכְדֶעם וָואס זַיין מְחוּתָּן אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, וַוייל דֶער מְחוּתָּן הָאט זִיךְ גֶעיָאגְט צוּ גֵיין אִין וֶועג, מֶען הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דַאן אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט בְּדֶרֶךְ צַחוּת, "אוֹיבּ עֶר וָואלְט גֶעדַארְפְט דֶערְצֵיילְן אַזַא מַעֲשֶׂה, וִויפִיל הֲכָנוֹת וָואלְט עֶר גֶעדַארְפְט מַאכְן קוֹדֶם?"

**תקב**

מִיטְוָואךְ, ו' סִיוָן, **יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת**, זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען בַּיים רֶבִּי'ן אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

מִיטְל נַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (חֲבַקּוּק ג', א') "תְּפִלָּה לַחֲבַקּוּק הַנָּבִיא עַל שִׁגְיֹנוֹת", וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"ט.

**תקג**

אַ וָואךְ נָאךְ יוֹם טוֹב, אִיז רֶבִּי נָתָן מִיט ר' נַפְתָּלִי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "אִיךְ הָאבּ דִיר אַהֶערְגֶעבְּרֶענְגְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט זָאגְן אַ נֵייעֶ זַאךְ וָואס צוּ טוּן, אַז דוּ זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען קַבָּלָה".

דָאס הֵייסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז רֶבִּי נָתָן זָאל קוּמֶען צוּ אִים, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי צוּגֶעפִירְט אַז רֶבִּי נָתָן זָאל בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן.

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




# דָאס לֶעבְּן אִיז מִיר נִישְׁט וֶוערְד, וִוי גֵייט מֶען וַוייטֶער?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ גֵיי זִיךְ גֶט'ן אוּן דֶערְנָאךְ גֵיי אִיךְ זִיךְ אַיינְשְׁרַייבְּן אִין אַ מְשׁוּגָּעִים הוֹיז, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ מֶער צוּ לֶעבְּן. קֵיינֶער דַארְף מִיר נִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נִישְׁט לִיבּ, אַזוֹי וִוי קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט לִיבּ אוּן אוֹיךְ מַיין וַוייבּ דַארְף מִיר נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ וַוארְטְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס וֶועט מִיךְ יָא לִיבּ הָאבְּן.

אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ גַשְׁמִיּוּת אוּן צוּ רוּחְנִיּוּת. אִיךְ מֵיין אַז דִי בֶּעסְטֶע פַאר מִיר וֶועט זַיין זִיךְ צוּ גֶט'ן אוּן גֵיין אִין מְשׁוּגָּעִים הוֹיז, דָארְט וֶועט מֶען מִיר צוּשְׁטֶעלְן צוּ עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, אוּן אוֹיךְ אַ סֵפֶר צוּ לֶערְנֶען, אוּן מֶער פוּן דֶעם דַארְף אִיךְ נִישְׁט. אִיךְ דַארְף מֶער נִישְׁט אַז אֵיינֶער זָאל מִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

אִיךְ וֵייס נִישְׁט פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט מִיר נִישְׁט צוּ דִי נְשָׁמָה, פַארְוָואס לָאזְט עֶר מִיר דָא לֶעבְּן אוּן לַיידְן אוֹיף דֶער וֶועלְט? מִיט אַזֶעלְכֶע עֶלְטֶערְן, מִיט אַזַא יוּגְנְט, אוּן אַזַא וַוייבּ, וָואס אִיז דִי לֶעבְּן נָאךְ וֶוערְד? אִיךְ בֶּעט נָאר אֵיין תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל מִיךְ אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דֶער וֶועלְט וִוי שְׁנֶעלֶער, טוֹב מוֹתִי מֵחַיָּי.

אִיךְ וֵייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען שְׁרַייבְּט אַזוֹי, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ צוּ קֶענֶען גֶעהֶערִיג אַרָאפְּשְׁרַייבְּן מַיינֶע גֶעפִילְן. אֶפְשָׁר וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער יָא רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אָדֶער אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ פָּשׁוּט אַ כְּפוּי טוֹבָה, אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ דֶער גְרֶעסְטֶער רָשָׁע אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז מֶען לָאזְט מִיר שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן?

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעמִישְׁט, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, אוֹיסְקְלָארְן, אוּן מְחַזֵּק זַיין.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', כ"ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִיר? פַארְוָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי פַיינְט? אַז עֶס הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט דוּ מִיט דַיין וַוייבּ - מֵיינְט נִישְׁט אַז דִי וֶועלְט אִיז גֶעעֶנְדִיגְט; אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט - אִיז דִי וֶועלְט נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט; וִוי עֶס זֶעט אוֹיס גֵייסְטוּ יֶעצְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - וֶועסְטוּ דָאס אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין, עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לִיכְטִיג וֶוערְן.

דוּ יָאגְסְט זִיךְ צוּם טוֹיט? דוּ וֵייסְט בִּכְלַל וָואס אִיז דָאס טוֹיט? וָואס וֵייסְטוּ וָואס וַוארְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט "טוֹב מוֹתִי" - דִי טוֹיט אִיז מִיר בֶּעסֶער! דוּ וֵייסְט בִּכְלַל וָואס טוּט זִיךְ אִין יֶענֶע וֶועלְט אַז דוּ זָאגְסְט "טוֹב מוֹתִי"?! אַז מֶען וֶועט צַאמְנֶעמֶען אַלֶע צָרוֹת פוּן דִי וֶועלְט - קוּמְט דָאס נִישְׁט אָן צוּ אֵיין בְּרִי פוּן דִי גֵיהִנּוֹם אוּן צוּ דִי עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים וָואס דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרִיבֶּער.

דַאוֶוענְ נִישְׁט דִי נִישְׁט גוּטֶע תְּפִלָּה - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דִי וֶועלְט; דַאוֶוען אַ גוּטֶע תְּפִלָּה, דַאוֶוען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

אַז דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דַיין מֹחַ קֶען נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן אַזוֹיפִיל - זָאלְסְטוּ זִיךְ וֶוענְדְן צוּ אַ דָאקְטֶער עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן מִיט גוּטֶע מֶעדֶעצִין; דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוּן צוּרִיק אָנְגֵיין מִיט דַיין סֵדֶר הַיּוֹם.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר מִיּוֹם הִוָּלְדְךָ, פוּן דַיין גֶעבּוּרְט, אַלֶעס וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער; שְׁמוּעֶס אוֹיס יֶעדֶע זַאךְ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת, דֶערְצֵייל אִים וֶועגְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דֶערְצֵייל אִים וֶועגְן דַיין וַוייבּ, דֶערְצֵייל אִים וֶועגְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן.

וֶוער עֶס פָאלְגְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, עֶר מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר דֶערְצֵיילְט זַיינֶע וֵוייטָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁמוּעֶסְט אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער קֶען אַרִיבֶּערְגֵיין אַלֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיס, מֶען בַּאקוּמְט שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען צוּ קֶענֶען אַסַאךְ פַארְנֶעמֶען, אוֹיךְ וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִּיק, מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי-ב' תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

**תקד**

דֶעמָאלְט אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיים רֶבִּי'ן דִי פִינְפְטֶע טָאכְטֶער, עֶר הָאט אִיר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן "פֵיגָא", נָאךְ זַיין מַאמֶע דִי צַדֶיקֶת.

צוּלִיבּ דִי שְׁוַואכְקֵייט פוּן רֶבִּיצִין, הָאט מֶען אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דָאס קִינְד פַאר אַן אוֹיפְזֶעעֶרְן אִין דֶעם דֶערְנֶעבְּנְדִיגְן שְׁטָאט לַאדִיזִין.

**תקה**

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, כ"ח תַּמוּז, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט אַ קַשְׁיָא אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ תֵּירוּץ. דִי קַשְׁיָא אִיז גֶעוֶועןֹ אַז עֶס אִיז דָא מַקִּיפִין אוֹיפְ'ן שֵׂכֶל, זַאכְן וָואס נֶעמֶען אַרוּם דֶעם שֵׂכֶל, אוּן סְ'אִיז דָא מַקִּיפִין אוֹיף דִי תּוֹרָה, זַאכְן וָואס נֶעמֶען אַרוּם דִי תּוֹרָה; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַז דִי זַאכְן וָואס זֶענֶען אַרוּם אוּן אַרוּם זָאלְן אַריינְגֵיין אִינֶעוֵוייניג, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם, וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"א, (זֶע וַוייטֶער אִין סִימָן תק"ו).

**תקו**

זוּנְטָאג, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב, פַארְנַאכְטְס, וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ עֶסְן פְלֵייש, אִיז דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר עֶרְנְסְט, עֶר אִיז גֶעלִיגְן אִין בֶּעט אוּן גֶעשְׁוִויגְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְזִינְקֶען אִין זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת פַאר גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט.

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים רֶבִּי'ן, דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְוואוּנְדֶערְט פַאר אַסַאךְ שָׁעוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַסַאךְ זַאכְן, אוּן אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "דֶעם שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל טוּן, מוּז אִיךְ עֶס טוּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ?", דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר וִויל טוּן אִין עֲבוֹדַת ה', אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אִים, אוּן עֶר קֶען עֶס נִישְׁט אוֹיסְפִירְן נָאר מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ, דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אוּן וִויל דַאוְוענֶען, קֶען עֶר בִּכְלַל נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶּ' צוּ זַיין, וִויל עֶר פְּרוּבִּירְן כָאטְשׁ זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען עֶפֶּעס אַ נִיגוּן, זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיפְלֶעבְּן אַבִּיסְל מִיט אַ נִיגוּן, אָבֶּער דָאס קֶען עֶר אוֹיךְ נִישְׁט, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְמַאנֶען קַיין שׁוּם נִיגוּן, בִּיז עֶר וֵוייסְט שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוְוענֶען, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ דַאוְוענֶען. דֶערְנָאךְ, וֶוען עֶר הַאלְט שׁוֹין אִינְמִיטְן דַאוְוענֶען, דֶעמָאלְט דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ עֶרְשְׁט אַ נִיגוּן וָואס קוּמְט אִים אַרוֹיף אִין גֶעדַאנְק. אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס אִים בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר וִויל טוּן, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן אַלֶעס דַארְף עֶר טוּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז דֶער מְשָׁרֵת אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "רֶבִּי, גֶעט גֶעלְט אוֹיף לִיכְט!", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "הָאסְט גֶעהֶערְט וָואס עֶר זָאגְט? דָאס זָאלְסְטוּ אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ תֵּירוּץ אוֹיף דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע קַשְׁיָא (אִין סִימָן תק"ה) וֶועגְן דִי מַקִּיפִין, וָואס מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיבְן אִין הִימְל", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט, "אוֹיבּ וֶועסְטוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין עֶס צוּ פַארְשְׁטֵיין!"

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יחזקאל סאמעט** הי"ו

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **יוסף שניטצלער** הי"ו

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **אייזיק אפפעל** הי"ו

**צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב**

החתן **גדלי' אפפעל** הי"ו

עב"ג בת מו"ה **יצחק יואל ג'בּרא** הי"ו

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# מען דרוקט און מען פארשפרייט

# די הייליגע ספרים וואס זענען מחי' און מחזק

די אלעמען באקאנטע קרן הדפסה היכל הקודש גייט ווייטער אן מיט זייער הייליגע ציל פון דרוקן און פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס ספרים. פילע ספרים ווערן כסדר געדרוקט מיט די גאנצע פלייס, און אידן פון איבער די גאנצע וועלט צוכאפן עס און זענען זיך מחי' און מחזק, און עס געבט זיי א וועג אין לעבן צו קענען מצליח זיין ברוחניות ובגשמיות.

לעצטנס זענען געדרוקט געווארן פילע נייע ספרים וואס זענען שוין נישט געווען צו באקומען פאר א לאנגע צייט, און עס איז געווען א גרויסע פארלאנג עס ווידער צו דרוקן.

לכבוד יום טוב פסח העעל"ט, האט מען איבערגעדרוקט פאר יום טוב דעם הגדה של פסח אור זרוע, אין אידיש און אין לשון הקודש, אזוי אויך זענען ארויס לאור עולם נאך פילע שיינע ספרים פול מיט אמונה, חיזוק און עצות, צום ביישפיל די ספרים "פארליר זיך נישט", "א אידישע שטוב", "אוצר האמונה", "קדושת ישראל", "א גוטע וואך", "א נייע וועלט", "קלאפ זיך נישט אראפ", און נאך פילע ספרים.

אזוי אויך האט מען יעצט איינגעקויפט א פרישע מאשין צו קענען מאכן קאפי'ס פון יו עס בי'ס, וואס ענטהאלט אין זיך פילע ניגונים און דרשות, אזוי אויך ווערט יעצט געמאכט פילע קאפיס פונעם נייעם סידי "איך דארף נישט קיינעם", וואס איז גאר שטארק געווארן אויפגעכאפט.

אין דעם פראיעקט פון דעם נייעם אלבום איז ארייגענומען געווארן דאס בעסטע פון דאס בעסטע. דער ראש ישיבה האט אויסגעוועלט און געקליבן די בעסטע ניגונים פון ישיבה, און ב"ה עס איז געלונגען צוזאם צו שלעפן א פראפעסיאנאלע סטעף פון די בעסטע מוזיקאלישע עקספערטן פון אמעריקע און ארץ ישראל וואס האבן באגלייט און אראנזשירט דעם גאנצן פראיעקט, און אויסגעשטעלט די מוזיק מיט די באגלייטונג פון א גאר רייכע היימישע כאאר.

עס איז געווארן אראפגעכאפט אין די פארגעשריטנסטע רעקארדינג סטודיאס, און געווארן געמיקסט דורך די בעסטע מיקסינג מומחים. דער אייבערשטער האט געהאלפן אז עס ארויסגעקומען א גאר רייכער אלבום, מיט א קאלעקציע פון ניגונים וואס בארירן די טיפסטע סטרינעס פון הארץ, פלאקערן אויף די אידישע נשמה, און בלאזט אריין חיות אין אידישע קינדער. די סידיס זענען שוין צוכאפט געווארן פאר יום טוב, און עס וועט ווידער זיין צו באקומען נאך די ספירה טעג.

אלע ספרים, פרישע און אלטע, זענען דא צו באקומען ביי די מפיצים און ביים קרן הדפסה היכל הקודש, וואס שיקט כסדר ארויס פילע ארדערס איבער די גאנצע וועלט פון ספרים און קונטרסים פונעם הייליגן קוואל פון הייליגן רבי'ן. רופט די "קרן הדפסה" אויף **718-387-2691**.

**יפוצו מעיינותיך חוצה!**

***

# ספירה אלבום אויף קול ברסלב

שטייענדיג אין די טעג פון ספירה, ווען דער מנהג איז נישט צו הערן קיין מוזיק, אבער אידישע קינדער ווילן זיך נאכאלץ מחזק זיין מיט די אידישע ניגונים פון אמונה, וואס דערנענטערן א איד צום אייבערשטן, האט די באקאנטע "קול ברסלב" טעלעפאן ליין צוגעלייגט א גאר נוצבארע קנעפל, מיט ווארימע און ערליכע ניגונים, געזינגען אן מוזיק, ספעציעל פאר די ימי הספירה.

די אפטיילונג אנטהאלט ערליכע ניגונים געזינגען דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, וואס טוט אנווארעמען דאס הארץ זיך צוריק צו קערן צום באשעפער און דערמיט זיך גרייטן אויף קבלת התורה, צו מקבל זיין אויף זיך דעם עול תורה, טון נאר וואס דער אייבערשטער וויל.

צו הערן דעם אלבום אויף קול ברסלב, דרוקט 1 פאר אידיש, 5 פאר היכל נגינה, און דאן 6 פאר ניגונים לימי הספירה. די ניגונים זענען אויך זייער געאייגנט איינשלעפן די קינדער ביינאכט, און אין איינוועגס זיי אויפוועקן צום אייבערשטן.

**ועל ידי זה יושפע שפע רב בכל העולמות!**

## ארויסגעווארפן פון ישיבה

**אז די ישיבה וויל דיר נישט אננעמען, אז זיי ווארפן דיך ארויס, מיינט נישט אז דער אייבערשטער האט דיך אויך אוועקגעווארפן, זיין טיר איז אפן פאר דיר**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 2, 3**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**